נומער 20

עקזעקיוטיוו באפעל

**צו דערקלערן א דיזעסטער עמערדזשענסי אין דער סטעיט ניו יארק**

**אזוי ווי,** דער מאָנקי-פּאָקס ווירוס איז דערקלערט געווארן א ז פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי פון אינטערנאציאנאלע זארג דורך דער וועלטס געזונטהייט ארגאניזאציע פון יולי 23, 2022 און;

**אזוי ווי,** צוליב די אנגייענדע פארשפרייטונג פון דעם מאָנקי-פּאָקס ווירוס און די מערקווירדיגע ריזיקע וואס דער ווירוס פאראורזאכט פאר מענטשליכע געזונטהייט, איז דער מאָנקי-פּאָקס ווירוס דערקלערט געווארן א באלדיגע דראונג צו פובליק געזונטהייט דורך דעם ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער אנגעהויבן פון יולי 28, 2022, און;

**אזוי ווי,** ניו יארק גייט איצט דורך איינע פון די העכסטע טראנסמיסיע ראטעס אין דעם לאנד, מיט 1383 פעלער באריכטעט אין ניו יארק סטעיט אנגעהויבן פון יולי 29, 2022;

**אזוי ווי,** ארטיגע העלט דעפארטמענטס טוען זיך אקטיוו אפרופן צו דעם מאָנקי-פּאָקס אויסברוך דורך אויספארשונג שטיצע, קאנטאקט דערקענונג און באאבאכטן, וואקסין אדמיניסטראציע פאר אויסגעשטעלטע קאנטאקטס און פאקוסירט אויף איצטיגע הויכע-ריזיקע טיילן פון דער באפעלקערונג, און בילדונג און ארויסזוך-באמיאונגען;

**אזוי ווי,** די סטעיט רעגירונג מוז שטיצן די מוניציפאליטעטן, ארטיגע אינסטאנצן און קאונטיס אין זייערע באמיאונגען צו פארמיטלען און אדמיניסטרירן וואקסינאציעס און טעסטס פאר מאָנקי-פּאָקס, און צו פארמיידן דעם ווירוס פון זיך ווייטער פארשפרייטן;

**אצינד, דעריבער,** טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך דער אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיר דורך דער קאנסטיטוציע און די געזעצן פון דער סטעיט ניו יארק, געפונען, לויט טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ, אז א קאטאסטראפע האט געטראפן אין דעם סטעיט ניו יארק, אנטקעגן וועלכס די אפעקטירטע ארטיגע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן ווי עס באדארף צו זיין, און איך טו אצינד דערקלערן א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי פאר'ן גאנצן סטעיט ניו יארק ביז אוגוסט 28, 2022; און

**ווייטער,** לויט טייל 29 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, טו איך פאראדענען דאס איינפירן פון דעם סטעיט אלץ-ארומנעמענדע עמערדזשענסי פארוואלטונג פלאן און באפולמעכטיג אלע נויטיגע סטעיט אגענטורן צו נעמען פאסיגע שריטן צו העלפן אפעקטירטע ארטיגע רעגירונגען און יחידים אין איינצוימען, זיך צוגרייטן, אפרופן, און זיך ערהוילן פון דעם סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, צו באשיצן סטעיט און ארטיגע אייגנטומס, און צוצושטעלן אנדערע הילף לויט ווי עס נויטיגט זיך כדי אפצוהיטן פובליק געזונטהייט, וואוילזיין און זיכערהייט.

**ווייטער,** דורך דער אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיר דורך אפטייל 29-a פון ארטיקל 2-B פון דער עקזעקיוטיוו געזעץ אויף צייטווייליג אפצושטעלן אדער ענדערן סיי וועלכע שטאטוט, לאקאלע געזעץ, פאראדענונג, תקנה, אדער רעגולאציע, אדער טיילן דערפון, פון סיי וועלכע אגענטור אין לויף פון א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, אויב דאס אויספאלגן פון אזא שטאטוט, לאקאלע געזעץ, פאראדענונג, תקנה, אדער רעגולאציע וועט אפשטעלן, אפהאלטן, אדער שטערן די שריטן וועלכע זענען נייטיג אויף בייצושטיין די דיזעסטער עמערדזשענסי אדער, אויב עס זאל נייטיג זיין, צו העלפן אויף בייצושטיין און זיך דורכקומען מיט אזא דיזעסטער, טו איך אצינד אפשטעלן אדער ענדערן, פאר דער צייט אפשניט פון דעם דאטום פון דעם עקזעקיוטיוו באפעל ביז אוגוסט 28, 2022, דאס פאלגענדע:

- אפטיילונגען 6 און 7 פון טייל 3001 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, אפטיילונגען (o) און (p) פון טייל 800.3, און טייל 800.15 פון טיטל 10 פון דעם NYCRR, אויף ווי ווייט נויטיג צו ערמעגליכן פאר באשטעטיגטע עמערדזשענסי מעדיצינישע טעכניקער-פּאַראַמעדיקס און פארגעשריטענע EMS פארזארגער, גיבנדיג קאמיוניטי פארא-מעדיצין סערוויסעס מיט פריערדיגע באשטעטיגונג דורכ'ן העלט דעפארטמענט, צו אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן מאָנקי-פּאָקס לויט א נישט-פאציענט-ספעציפישע באפעל, ארייננערעכנט אין נישט-עמערדזשענסי סביבות און לאקאציעס, אויפ'ן באדינג אז עמערדזשענסי מעדיצינישע טעכניקער-פּאַראמעדיקס און פארגעשריטענע EMS פארזארגער מוזן ערשט נאכקומען די נייע באדינונגען אוועקגעשטעלט דורך דער געזונטהייט קאמיסיאנער;

- טייל 6951 פון דער בילדונג געזעץ, און טייל 79-5.5 פון טיטל 8 פון NYCRR, אויף וויפיל אזעלכע באדינגונגען באגרעניצן די פירונג פון הייבאמשאפט צו באהאנדלען געוועגליכע שוואנגערשאפטן, קינד געבורט, און נאך-געבורט אויפפאסונג ווי אויך ערשט-ברירה׳דיגע פרוכפער-פארמיידן געזונטהייט באהאנדלונג פון אייגנטליך געזונטע פרויען, און ניי-געבוירענע קינדער אונטערזוכונג, איבערוועקן, און אנווייזונג פאר פיצעלעך קינדער, און אויף וויפיל עס זאל באגרעניצן די פירונג פון הייבאמשאפט צו הייבאמען וועלכע פראקטיצירן אין איינקלאנג מיט צוזאמענארבעט-באציאונגען מיט גע׳לייסענס׳טע דאקטוירים אדער שפיטעלער, כדי אז פאר די צוועקן פון דער דיזעסטער עמערדזשענסי, קענען הייבאמען אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן מאַנקי-פּאָקס צו סיי וועלכע פאציענט אין איינקלאנג מיט א נישט-פאציענט-ספעציפישע באפעל אונטער די מעדיצינישע אויפזיכט פון גע׳לייסענס׳טע דאקטוירים, גע׳לייסענס׳טע דאקטער-געהילפן, אדער באשטעטיגטע נורס פראקטיצירער, אויף׳ן תנאי, אבער, אז א הייבאם אן א סערטיפיקאט ארויסגעגעבן דורך דער סטעיט בילדונג דעפארטמענט אויף צו אדמיניסטרירן אימיוניזירונג אגענטן, מוזן נאכקומען די באדינגונגען אוועקגעשטעלט דורך דער געזונטהייט קאמיסיאנער;

- אפטיילונקג 2 פון טייל 6801 פון דעם בילדונג געזעץ און 63.9 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אויף ווי ווייט נייטיג צו ערמעגליכן פאר פארמאסיסטן צו אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן מאַנקי-פּאָקס לויט א נישט-פאציענט-ספעציפישע באפעל;

- אפטיילונג 6 פון טייל 6527 פון דעם בילדונג געזעץ, אפטיילונג 4 פון טייל 6909 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, און טייל 64.7 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אויף ווי ווייט נייטיג צו ערלויבן דאקטוירים און באשטעטיגטע נורס פראקטיצירער ארויסצוגעבן א נישט-פאציענט-ספעציפישע סדר צו נורסעס אד סיי וועלכע אזעלכע פערזאנען באפולמעכטיגט דורכ׳ן געזעץ אדער דורך דעם עקזעקיוטיוו באפעל צו אדמיניסטרירן וואקסינאציעס קעגן מאַנקי-פּאָקס; און

- אפטיילונג 3 פון טייל 2168 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ און טייל 66-1.2 פון טיטל 10 פון דעם NYCRR, אויף ווי ווייט נייטיג צו סוספענדירן די פאדערונג אז געזונטהייט אויפפאסונג פארזארגער, ארייגערעכנט רעגיסטרירטע נורסעס און פארמאסיסטן, וועלכע אדמיניסטרירן מאַנקי-פּאָקס וואקסינען צו מענטשן 19 יאר און העכער זענען פארלאנגט צו באקומען ערלויבעניש פון דעם וואקסינירטן כדי אויף צו באריכטן אזעלכע וואקסינאציע צו דעם ניו יארק סטעיט אימוניזאציע אינפארמאציע סיסטעם (NYSIIS) אדער דער גאנץ-שטאטישע אימוניזאציע רשימה (CIR), און אזעלכע באדינגונגען ווערן ווייטער געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו פאדערן אז אלע מאַנקי-פּאָקס וואקסינאציעס פאר סיי וועלכן יחיד (קינד אדער ערוואקסענע) באריכטעט צו ווערן צו NYSIIS אדער CIR, ווי אנוועגדליך, אינערהאלב 72 שעה פון אדמיניסטרירן א מאַנקי-פּאָקס וואקסינאציע. קיין שום טייל פון דעם פאראגראף זאל נישט געלייענט ווערן אלס ערלויבעניש דאס וואקסינירן עמיצן אן זייער ערלויבעניש אדער די ערלויבעניש פון אן אנדערן פערזאן לעגאל באפולמעכטיגט צו געבן ערלויבעניש.

ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און דעם עמטליכן זיגל פון דעם

סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם ניין און

צוואנציגסטן טאג פון יולי אין דעם יאר צוויי טויזנט

צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער